13/6094
01-B9236



ל. טאָלסטאָי

# דריי בערן

צייכענונגען—מ. גלוכאָוו



קינדער-פארלאג
1934

פון רוסיש—נ. שטקמאַ

PRIN ... S.S.R.
13/6094



א מיידעלע איז אוועקגעגאנגענ פונדערהיימ אינ וואלד. אינ וואלד האָט זי פארבלאָנדזעט אונ האָט גענומענ זוכנ דעמ וועג אהיימ, זי אָבער האָט ניט געפונענ אונ איז אָנגעקומענ אינ וואלד צו א הייזל.

די טיר איז געשטאנענ אָפנ. זי האָט אריינגעקוקט אינ טיר, זעט זי: אינעמ הייזל איז קיינער ניטאָ, איז זי אריינגעגאנגענ. אינעמ דאָזיקנ הייזל האָבנ געוווינט דריי בערנ. איינ בער איז געווענ דער פאָטער,

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו



מע האָט אים גערופנ מיכאיל איוואנאָוויטש. ער איז געווענ א גרויסער
אונ א פּאטלאטער. דער צווייטער איז געווענ א בעריכע. זי איז געווענ
עטוואָס קלענער אונ גערופנ האָט מענ זי נאסטאסיע פּעטראָוונע. דער
דריטער איז געווענ א קלײנ בערעלע אונ גערופנ האָט מענ עס מישוט־
קע. די בערנ זײנענ אינדערהײמ ניט געווענ.—זײ זײנענ אוועקגעגאנגענ
אינ וואלד שפּאצירנ.



אינעם הײזל זײנענ געווענ צווײ צימערנ: אײנער אנ עס־צימער דער צווײטער א שלאָפ־צימער. דאָס מײדעלע איז ארײנגעגאנגענ אינעם עס־צימער אונ דערזענ אפנ טיש דרײ שיסלענ מיט זופּ. די ערשטע שיסל, זײער א גרויסע, איז געווענ מיכאיל איוואנאָוויטשעס. די צווײטע שיסל, די קלענערע, איז געווענ נאסטאסיע פּעטראָוונעס. די דריטע, א בלוײנק שיסעלע, איז געווענ מישוטקעס. לעבנ יעדער שיסל איז געלעגנ א לעפל: א גרויסער, א מיטלמעסיקער אונ א קלײנער.

דאָס מײדעלע האָט גענומענ דעם סאמע גרעסטנ לעפל אונ האָט א זופּ געטאָנ פונ דער סאמע גרעסטער שיסל; דערנאָכ האָט זי גענומענ דעם מיטלמעסיקנ לעפל אונ א זופּ געטאָנ פונ דער מיטלמעסיקער שיסל; דערנאָכ האָט זי גענומענ דאָס קלײנע לעפעלע אונ א זופּ געטאָנ פונעם בלוײנקנ שיסעלע, אונ מישוטקעס זופּ האָט איר געדוכט איז בעסער פונ אלע.

דאָס מײדעלע האָט זיכ געוואָלט זעצנ, זעט זי, באם טיש שטײענ דרײ בענקלעכ: אײנס א גרויס,—מיכאיל איוואנאָוויטשעס, דאָס צווײטע,



עטוואָס קלענער—נאסטאסיע פעטראָוונעס. אונ דאָס דריטע, א קלײנס, מיט א בלוי קישעלע—מישוטקעס. זי איז ארופגעטראָכנ אפנ גרויסנ בענקל אונ איז אראָפגעפאלנ; דערנאָכ האָט זי זיכ געזעצט אפנ מיטלמעסיקנ בענקל—איז אפ דעמ׃ ניט געווענ באקוועמ צו זיצנ; דערנאָכ האָט זי זיכ געזעצט אפנ סלײנעמ בענקעלע אונ האָט זיכ צעלאכט—אזוי גוט איז געווענ. זי האָט גענומענ דאָס בלויינק שיסעלע אפ די קני אונ אָנגעהויבנ עסנ. זי האָט אופגעגעסנ דעמ גאנצנ זופ אונ זיכ גענומענ הוידענ אפנ בענקל.

אינעמ בענקעלע האָט זיכ דורכגעבראָכנ א לאָכ, אונ זי איז אראָפ־געפאלנ אפנ דיל. זי איז אופגעשטאנענ, האָט אופגעהויבנ דאָס בענקעלע אונ איז אוועקגעגאנ אינ צווייטנ צימער. דאָרט זײנענ געשטאנענ דרײ בעטנ: אײנס א גרויס,—מיכאיל איוואנאָוויטשעס, דאָס צווייטע א מיטל־מעסיקס—נאסטאסיע פעטראָוונעס, דאָס דריטע א קלײנס—מישוטקעס.



דאָס מיידעלע האָט זיכ געלייגט אינ דעמ גרויסנ—איז געווענ צו גערוימ, האָט זיכ געלייגט אינ דעמ מיטלמעסיקנ—איז געווענ צו הויכ׳ האָט זיכ געלייגט אינ דעמ קלײנעמ—איז דאָס בעטעלע איר געווענ פּונקט צו דער מאָס, אונ זי איז אנטשלאָפנ געוואָרנ



און די בערן זײַנען געקומען אַהיים הונגעריקע און האָבן געוואָלט עסן. דער גרויסער בער האָט גענומען זײַן שיסל, אַ קוק געטאָן און זיך צערעוועט אַף אַ שרעקלעכן קאָל:

— ווער האָט געזופּט פֿון מײַן שיסל?

נאַסטאַסיע פּעטראָוונע האָט אַ קוק געטאָן אַף איר שיסל און האָט זיך צעבּרילט שוין ניט אַזוי הויך:

— ווער האָט געזופּט פֿון מײַן שיסל?

און מישוטקע האָט דערזען זײַן ליידיק שיסעלע און זיך צעפּישטשעט מיט אַ דין קעלכל:

— ווער האָט געזופּט פֿון מײַן שיסל און אינגאַנצן אויסגעזופּט?



מיכאיל איוואנאָוויטש האָט א סוק געטאָן אפ זיין בענקל און זיך צערעוועט אפ א שרעקלעכ קאָל:

**— ווער איז געזעסנ אפ מיינ בענקל און עס אפּגערוקט פונעמ אָרט?**

נאסטאסיע פעטראָוונע האָט א קוק געטאָן אפ איר בענסל און האָט זיך צעבּרילט שוינ ניט אזוי הויכ:

**— ווער איז געזעסנ אפ מיינ בענקל און עס אָפּגע־דוקט פונעמ אָרט?**

מישוטקע האָט א קוק געטאָן אפ זיינ צעבראָכנ בענקעלע און זיך צעפּישטשעט:

— ווער איז געזעסנ אפ מיינ בענקל און עס צעבראָכנ?



די בּערנ זיינענ אריינגעקומענ אינעם צווייטנ צימער.

**— ווער האָט זיך געלייגט אפּ מיינ בעט**
**אונ עס צעקנייטשט?—**

האָט מיכאיל איוואנאָוויטש זיך צערעוועט אפּ א שרעקלעכ קאָל.

**— ווער האָט זיך געלייגט אפּ מיינ געלעגער אונ עס**
**צעוואָרפנ?—**

האָט נאסטאסיע פּעטראָוונע זיך צעבּרילט שוינ ניט אזוי הויכ.



און מישוטקע האָט צוגעשטעלט דאָס בענקעלע, ארופגעקראָכנ - אפ זיינ בעטל און האָט זיכ צעפּישטשעט מיט א דינ קעלכל:

— ווער האָט זיכ געלייגט אפ מיינ בעלעגער?

און פלוצלינג האָט ער דערזענ דאָס מיידעלע אונ זיכ אזוי צעקוויי-טשעט, גלייכ ווי מע וואָלט אימ געקוילעט מיט א מעסער.

— אָט ווער! כאפּט זי! כאפּט זי! דאָס איז זי! דאָס איז זי!

— איי, איי, איי. כאפּט זי!



ער האָט זי געוואָלט א ביס טאָנ. דאָס מיידעלע האָט אופגעמאכט די אויגנ, דערזענ די בערנ אונ זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ פענצטער. דאָס פענצטער איז געווענ אָפנ, זי איז ארויסגעשפרונגענ אונ איז אנטלאָפנ. אונ די בערנ האָבנ זי ניט דעריאָגט.



פרייז 60 קאָפ.

Л. ТОЛСТОЙ

ТРИ ВЕДМЕДІ

ДИТВИДАВ

רעדאַקטער—אי. גרינזייד
טעכרעדאַקטער—יאַ. אַלמאַנ
קאָרעקטער—ראַכליס

דרוקעריי א״נ לעניג. קינדער־
פאַרלאַג. אָדעס, פושקינ־גאַס 18.
געגנטליט נומ. 759. באַפולמעכ־
טיקטער פונ הויפטליט נומ. 2237.
באַשטעלונג נומ. 822. טיראַזש
3000. דרוקבויגנס 1, פאַפיר
110x72. אָפגעגעבנ אינ זאַצ—
12 יונ. אונטערגעשריבנ צומ
דרוק—10 אויג. אָרדנטלעכער נומ.
פונ פאַרלאַג—74